Yudel mark, Jewish Education Committee
1776 Broadway
New York, New York, U.S.A.

NEW YORK, N.Y.
OCT 31
12 PM
1957
G.P.O.

AIR MAIL 10¢ U.S. POSTAGE

**AIR LETTER**
**AÉROGRAMME**

**VIA AIR MAIL**
**PAR AVION**

אפרים שדייער
הדר יוסף 177,
דירה 7
תל-אביב, ישראל
Tel Aviv, Israel

NO TAPE OR STICKER MAY BE ATTACHED

IF ANYTHING IS ENCLOSED, THIS LETTER WILL BE SENT BY ORDINARY MAIL

FIRST FOLD

SECOND FOLD

אָקטאָבער 31, 1957

אפרים שרייער
תל-אביב
הדר יוסף 177, דירה 7

זייער חשובער פריינד:

עס איז שוין א לענגערע צייט ווי מיר האָבן באקומען דורך דער געזעלשאפט פריינד פון ייוואָ אין ישראל, א פעקל ווערטער וואָס איר האָט זיי איבערגעגעבן פאר דעם גרויסן ווערטערבוך פון דער יידישער שפראך. א הארציקן דאנק אייך פאר דעם וואָס איר זייט געוואָרן איינער פון דער מחנה זאמלערס פארן ווערטערבוך. מיר וועלן שטיין מיט אייך אין דירעקטער פארבינדונג, כדי דאָס ווייטערדיקע מיטארבעטן אייערס זאָל ברענגען דעם מאקסימום רעזולטאטן פארן ווערטערבוך, בעטן מיר אייך נעמען די ווייטערדיקע אָנווייזונגען אין באטראכט:

1) זייט אזוי פריינדלעך און שרייבט די אלע אותיות קלאָרער, למשל: ביי אייך איז ניטאָ קיין חילוק צווישן פ און פֿ. נעמען מיר אָן דעריבער אז דאָס וואָרט פאשנוקעט (פארקילט, צעקראָכן), איז מיט א פּ. און אז קאפרעוואטע איז אויך מיט פּ. אָבער ווען מיר קומען צו דעם וואָרט פיטשעריטשע (א מיאוסקייט פון א פרוי). ~~זיינען מיר~~ זיינען מיר ניט אינגאנצן זיכער. זייט אזוי פריינדלעך, שטעלט אריין פינטעלעך אין אייער פּ. באמיט זיך אויך קלאָר צו שרייבן דעם ך און דעם ק.

2) שטעלט א צייכן איבער דעם וואָקאל אויף וועלכן עס פאלט דער אקצענט.

3) באמיט זיך תמיד צו געבן א גענויע דערקלערונג פון דעם וואָרט, למשל: דאָס וואָרט ראַשל טייטשט איר אויס, צוויי עסטרייכישע קראָנען צוזאמען. אונדז איז ניט קלאָר, צי איר האָט אין זינען א מטבע וואָס איז געווען ווערט צוויי קראָנען, אָדער איר האָט אין זינען עפּעס אנדערש.

4) ביי א שם-עצם דארף מען צושטעלן דעם ארטיקל דער, די אָדער דאָס. עס איז אויך נייטיק צוצוגעבן די מערצאָל פון א שם-עצם.

מיר האָפן אז מיר וועלן קריגן פון אייך נאָך אסך אינטערעסאנטע ווערטער און אז איר וועט זיך רעכענען מיט אונדזערע בקשות. מיר ווינטשן אייך אל דאָס בעסטע און פארבלייבן

מיט די פריינדלעכסטע גרוסן

אייער,

יודל מארק.

ימ:נק